# ב יוחנן־בריוו

בלײַבט נישט אין דער לערנונג פֿון דעם משיח,
האָט נישט ג־ט; ווער עס בלײַבט יאָ אין דער לערנונג,
10 דער האָט סײַ דעם פֿאָטער סײַ דעם זון. אויב
איינער קומט צו אײַך און ברענגט נישט די דאָזיקע
לערנונג, זאָלט איר אים נישט אויפֿנעמען אין הויז
11 אַרײַן, און נישט אָפּגעבן קיין שלום; וואָרום ווער
עס גיט אים אָפּ שלום, דער האָט אַ חלק אין זײַנע
בייזע מעשים.

12 האָבנדיק אַ סך צו שרײַבן צו אײַך, האָב איך עס
(אָבער) נישט געוואָלט (טון) מיט פּאַפּיר און טינט;
נאָר איך האָף צו קומען צו אײַך און צו רעדן מויל
13 צו מויל, כּדי אונזער פֿרייד זאָל זײַן פֿול. עס געבן
דיר אָפּ שלום די קינדער פֿון דײַן שוועסטער, דער
אויסדערוויילטער.